# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

זכרון ראובן יוסף
לע"נ הרה"ח ראובן יוסף
בן מו"ה אלכסנדר זושא ז"ל

פרשיות **וארא - בא** תשפ"א ◆ עלון מס': **57**


## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### זאלסט האבן גוטע חברים!

יעדער צער און ליידעניש וואס גייט אריבער אויף א מענטש אין די וועלט באהאלט אין זיך אויך א געוויסער פארדינסט, אויך ווען מיר זעען נישט און פארשטייען נישט ווי אזוי די זאך קען אונז ברענגען רווחים.

שלמה המלך דער חכם מכל האדם זאגט שוין דער געדאנק אין משלי [קאפיטל יד]: בכל עצב יהיה מותר! יעדע עצבות האט אין זיך א ריווח. דער רבי אין חובת הלבבות שער הבטחון פרק ג' ברענגט אראפ פינף מעגליכע פארדינסטן וואס א צדיק האט ווען עס גייט אים נישט גוט, און דאגעגן ברענגט ער אראפ זעקס סיבות פארוואס עס זאל גיין גוט פאר'ן רשע אויף דעם עולם.

צווישן די טעמים ווערט אויך אראפגעברענגט דער געדאנק אז אסאך מאל גייט נישט גוט פאר'ן צדיק ווייל השי"ת וויל אים אויסלייטערן ער זאל אנקומען ריין אויף יענער וועלט, אז דארטן זאל ער אנקומען גרייט צו קענען אריינגיין אין גן עדן און נישט דארפן מיטמאכן קיין יסורים און צער.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם טעם ווערט רואיגער אויפ'ן געוויסן. אז א מענטש ווייסט אז יעדער מוטשעניש וואס ער האט אויף די וועלט וועט אים פטר'ן אויף יענע וועלט פון צער און יסורים, אז אויך די קלענסטע גראם פון יסורים וועט נישט פארלוירן גיין און פאר אים אראפוועגן דער וואגשאל ביום הדין איז ער גרינגער מקבל די יסורים באהבה,.

אבער טראץ וואס יעדער זאך אויף די וועלט - אפילו וואס זעט אויס שלעכט - באהאלט אין זיך א גוטער זאך, איז אבער דא איין אויסנאם. דער אויסנאם איז די יסורים וואס קומט אויף א מענטש, ווייל ער האט געהאט שלעכטע חברים.

דער הייליגער חתם סופר זאגט אויפ'ן משנה אין אבות [פרק א משנה ז] **נתאי הארבלי אומר הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע ואל תתייאש מן הפרענות** דער הסבר דערויף איז אז געווענליך טאר זיך א מענטש נישט מתייאש זיין פון די פורענות, ווייל דער סוף וועט זיין אז פון די פורענות וועט אים ארויסקומען עפעס גוטס - אבער - זאגט נתאי הארבלי אז ווען עס איז פורענות צוליב א שכן רע אדער א חבר רע זאלסטו וויסן אז דאמאלטס איז די פורענות ריינע 'פורענות', עס האט נישט אין זיך קיין ברעקל גוטס.

אויב די יסורים קומען צו א מענטש ווייל ער האט זיך גע'חבר'ט מיט שלעכטע חברים פארדינט ער פון דעם גארנישט. עס ברענגט אים שלעכטס אויף די וועלט און אויף יענער וועלט, אפילו אויב דער מענטש איז בעצם א צדיק און די איינציגטסע זינד וואס ער האט איז אז ער האט זיך באהאפטן צו א רשע.

ווען דער חתם סופר האט געלעבט זענען די געווען די משכילים. זיי האבן געזוכט אריינצופאנגען די ערליכע בחורים אין זייער נעץ. פלעגט דער חתם סופר אנווארענען זיינע תלמידים אז מען זאל נישט האבן צו טון מיט די משכילים, ווייל פון זיי וועט קען קיין גוטס נישט ארויסקומען נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענער וועלט.

גוטע חברים איז אלעס אויף די וועלט! און פארקערט א שלעכטער חבר קען אראפפירן דעם בעסטן בחור צו די טיפסטע אפגרונד. אמאל שלאגט ער אים פאר ער זאל געבן בלויז א שלעכטער קוק און מיט דעם שלעפט ער אים אראפ ביז צום שאול תחתיות.

מען דערציילט אז ווען בר-מצוה בחורים זענען אריין זיך צו בענטשן ביים גערער רבי דער בית ישראל, פלעגט ער זיי אנווינטשן בזה הלשון: זאלסט האבן גוטע חברים.

אין די ברכה ליגט אלעס אין דער וועלט. עלטערן לייגן אריין אין די קינדער אסאך כוחות אבער א שלעכטער חבר מאכט אלעס קאליע.

אז מען האט גוטע חברים - האט מען אלעס אויף די וועלט.

זאל השי"ת העלפן אז אונזערע קינדער זאלן ניצול ווערן פון שלעכטע חברים און וואקסן שתולים בבית השם אלע זייערע יארן.

[ארויסגענומען פון שיעור 71]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### אז איך האב נישט וואס צו עסן איז א סימן אז איך בין נישט הונגעריג!

דער שטייגער פון הרה"ק ר' אהרן מקארלין זצוק"ל איז געווען צו פאסטן פון שבת צו שבת.

אמאל האט זיך געמאכט אז אינמיטן די וואך האט אים פלוצלונג אנגעכאפט א מורא'דיגער הונגער, אבער ער האט נישט געהאט קיין עסן מיט זיך.

האט ער זיך דערמאנט אין די פסוק 'ואתה נותן להם את אכלם בעתו' אז השי"ת געט פאר'ן מענטש צו עסן 'בעתו' אין די מינוט וואס ער דארף עס האבן, אבער אויב האט השי"ת אים נישט געגעבן יעצט קיין עסן, איז א סימן אז ער קען זיך באגיין אן דעם.

א דאנק דער פסוק האט ער געפאסט נאך גאנצע דריי טעג.

השי"ת געט פאר יעדער באשעפעניש אויף די וועלט עסן 'בעתו' אין צייט ווען ער דארף האבן די עסן. לויט דעם קען מען פרעגן אז מען טרעפט דאך אז מענטשן זענען אוועקגעפאלן חלשות פון הונגער. נו, אויב דער מענטש וואלט עס אמת'דיג געדארפט האבן - וואלט מען אים עס אונטערגעשיקט פון הימל? דער ענטפער ליגט אין דיווארט 'בעתו'.

אז דער מענטש לעבט מיט דער 'בעתו', אז וואס ער דארף אויף יעצט, שיקט אים השי"ת "יעצט', וואלט ער גרינג געקענט איבערלעבן די שוועריגקייט. אבער אז מען לעבט מיט דאגה. מען טראכט וואס גייט זיין מארגן? און ווי אזוי וועל איך אויסהאלטן אזא לאנגער צייט? נו, אויף די מארגנדיגע דאגה האט דאך השי"ת נישט געגעבן קיין כוחות, און אז מען האט נישט די כוחות אויף מארגן פאלט מען אוועק און מען חלש'ט.

דער געדאנק האבן מיר די וואך ארויפגעברענגט אויפ'ן האטליין אין ראם פון די טעגליכע 'בטחון היומי' שיעור.

געציילטע טעג שפעטער זאגט מיר א בני ברק'ער יונגערמאן אז א דאנק דער קארלינער געדאנק איז זיין ישוב הדעת געשטיגן וואונדערליך אין די לעצטע טעג.

"עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך בין מיט מיין טאכטער אין שפיטאל, און כ'ווייס נישט ווילאנג עס וועט נאך געדויערן. אז איך וואלט אריינגעטראכט וואס גייט זיין מיט מיר מארגן און איבערמארגן און אין די קומענדיגע וואך, וואלט איך שוין זיכער פארלוירן אלע מיינע כוחות.

אנשטאט דעם טראכט איך אויף 'בעתו'. השי"ת האט מיר געשיקט כח אויף היינט. מארגן איז א באזונדערע מעשה.

דער געדאנק איז אויך דא אין דער 'ביטחון היומי'. יעדער טאג איז דא א חיזוק אויף היינט, ווייל יעדן טאג האט זיך זיין באזונדערע הארה וואס איז נוגע פאר דעם איינציגסטן טאג.

א גוט שבת,
**פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א געלונגענער לאנדונג

מיין קליינער, וועלכער איז נאכנישט אלט קיין צוויי יאר, זיצט אפ טאג און נאכט ביים פענסטער. ער האט הנאה צו זיצן דארט און פאר אונז איז עס אויך רואיגער אז ער זיצט דארט.

דער פענסטער איז א פאר שטאק הויעך און עס האט א שלאס אז מען קען עס עפענען. איבריג צו זאגן אז דער שלאס איז אייביג פארשפארט אבער איינער פון די נעכט חנוכה - ווען איך האב אוועקגעלייגט מיין קינד ביים פענסטער און זיך צוריקגעקערט עטליכע מינוט שפעטער - איז דאס קינד נישט דא געווען.

מיין הארץ איז ארויס פון שרעק! וואו איז דאס קינד? אבער נאך ערגער איז געווען ווען איך האב געזען אז די שלאס איז אויפגעשפארט - די טיר איז ברייט אפען?

די שרעק איז געווען אומבאשרייבליך! אבער א מינוט שפעטער האב איך געהערט ווי מיין שכן פון אונטער מיר געט א שריי אויס הויעך.

"איך האב אים געכאפט"!

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיט א האלבער יאר פריער האט מיין שכן מיר געבעטן רשות צי ער קען ארויסלייגן פארענט פון זיין פענסטער א גרויסער רער וואו עס וועט ליגן די מאשין פון די הייס וואסער.

דער אמת איז אז איך האב געהאט קנאפ חשק. אזא רער שלעפט נאך זיך פייגעלעך מיט אלע אנדערע סארט בעלי חיים אבער ענדע האב איך זיך מתגבר געווען אויף די מידות און מיט - א גוטער געפיל - געגעבן די געפיל אז יא - איך לאז דיר.

יעצט ווען דאס קינד איז געפאלן איז ער געפאלן ממש אויף דעם רער און פון הימל האט דער זון פון דעם שכן אים באמערקט באצייטענס און מיר האבן צוריק באקומען א געזונט און זיסער קינד אן קיין איין קריץ אויף אים.

א נס פון הימל! און דא האב איך געלערנט דער כלל אז וואס מען טוט פאר יענעם - טוט מען בעצם פאר זיך אליין.

## מוותר זיין ראטעוועט לעבנס

ווען מיינע שכנים האבן געוואלט אראפנעמען א שטיקל פון דעם טרעפן צימער און עס אויסבויען פאר זייערטוועגן, האב איך זיך קעגנגעשטעלט. מיר האבן באשטימט צו גיין אויף א דין תורה און זיך אויס'טענה'ען.

ווען איך בין אנגעקומען אין בית דין און פארגעלייגט מיינע טענות, האט דער דיין געזאגט אז בעצם בין איך גערעכט אבער ער איז מיר מציע אז איך זאל מוותר זיין - פון מוותר זיין דערלייגט מען נישט - האט ער געזאגט.

איך האכ אים געפאלגט. איך האב מוותר געווען און געלאזט די זאך אדורכגיין.

איך בין אהיימגעקומען פון אונטערשרייבן אן אונטערשריפט אז איך בין מוותר, ווען איך עפן נאר אויף די טיר און פון קאך הער איך שרעקעדיגע קולות. מיין גרויסער קינד שטייט נעבן מיין קליינער קינד און שרייט 'הצלה'.

איך בין גלייך צוגעלאפן און איך זעה ווי מיין קליינער - איגאנצן בלוי - קען נישט כאפן די אטעם.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט אויפגעגעסן עפעס און ער שטיקט זיך דערמיט. איך האב פראבירט עס ארויסצונעמען אבער אנשטאט עס ארויסנעמען איז עס אריין טיפער. איך האב ארייגעשטעקט מיין פינגער, און אין די לעצטע מינוט האט דאס קינד אנגעהויבן הוסטן און דורך די הוסטעריי איז עס ארויסגעפלויגן פון די רערן און ער האט אנגעהויבן צוריק צו אטעמען.

א רגע שפעטער האט ער געאטעמט און געשמייכלט צו מיר מיט זיין אייביגער זיסער שמייכל.

אין יענער רגע איז מיר געווען קלאר אז בזכות וואס איך האב מוותר געווען איז מיין קינד געראטעוועט געווארן פון די צרה.

## פונקט 80 יאר שפעטער

מיט 90 יאר צוריק האט די חשובע פרוי מרת אסתר דינה דיווידגראדיציקי אינאיינעם מיט איר מאן פארלאזט אמעריקע, און זיך באזעצט אין ארץ ישראל אין ירושלים עיה"ק אויף דער רשב"ם גאס.

די עלטערע פארפאלק איז געקומען אליין. די

## א גלאטער וועג

ווען איך האב זיך געטראפן יענעם פרייטאג זוכנדיג א וועג אהיים פאר א יונג מיידל וואס לערנט אין דער מוסד שיח סוד, האב איך זיך געשפירט אובד עצות.

דער מוסד שיח סוד - פאר ווער עס ווייסט נישט - איז א מוסד וואו עס לערנען ספעציעלע קינדער וואס דארפן אנקומען צו ספעציעלע הילף. דער מוסד געפינט זיך אין ירושלים און מען קומט אהין לערנען פון אלע שטעט ארום ירושלים.

דאס קינד אין אונזער פאל - איז א קינד וואס וואוינט אין די שטאט בני ברק - און דער רוב פון די וואכן ווילט זי אין ירושלים, אבער אויף שבת חנוכה האט די משפחה געבעטן אז זיי ווילן אז זי זאל אהיימקומען אין שטוב אויף שבת.

דער מוסד האט אנגעגרייט די נויטיגע הכנות אז די רייזע זאל קענען צושטאנד קומען אבער עס האט זיך אויסגעפעלט איינער וואס זאל איר קענען אהיימנעמען צו איר אין שטוב.

איבריג צו זאגן אז אזא קינד קען מען נישט אהיימשיקן מיט די געווענליכע טראנספארטאציע, אזוי אז דער איינציגסטער וועג איז איר צו טרעפן איינער וואס פארט מיט א פריוואטער קאר פון ירושלים קיין בני ברק, אבער גיי טרעף אזא איינער.

איך האב זיך געוואנדן צו אלע ערליי וואלונטירן, אבער צו מיין מזל האט יעדער איינער - צוליב זיין סיבה נישט געקענט זיין דער שליח. צום לעצט האב איך אנגעקלינגען א באקאנטער וואס פארט באלד קיין בני ברק. איך האב פארגעלייגט די סיטואציע. יענער האט נישט געהאט קיין חשק, אבער נאך דעם וואס איך האב אים געזאגט אז ער איז מיין לעצט געבליבענער אויסוועג, האט ער צוגעשטימט.

"אבער איך פאר נישט ארויס פון שטאט פאר צוויי אזייגער מיטאג". האט ער מיר געזאגט.

דערביי האט ער מיר געגעבן א גענויער ארט וואו דאס קינד זאל שטיין, אז ער זאל איר קענען נעמען און זיך נישט דארפן אויפהאלטן אויפ'ן וועג.

אבער דער מוסד האט בשום אופן נישט געהאלטן ביים צוטראגן דאס קינד צו יענעם ארט.

"וואס טוט מען"? עס איז ווידער פינסטער געווארן פאר די אויגן, אבער דאן איז מיר איינגעפאלן א פרישער געדאנק. פאר ווער עס איז באקאנט, זענען דא צוויי הויפט שאסייען וואס פירן די רייזענדע פון ירושלים קיין בני ברק. איין שאסיי איז דער באקאנטער שאסיי נומער 1 און די צווייטע איז די שאסיי נומער 443. אינדערצייט וואס שאסיי נומער 1 ווערט גערעכנט דער דרך המלך איז דער 443 די זייטיגע וועג.

אריגינעל וואלט דאס קינד מיט דעם יונגערמאן געדארפט נוצן שאסיי 1 אבער יעצט איז מיר איינגעפאלן צו בעטן דעם יונגערמאן ער זאל נוצן דעם שאסיי 443, און אזוי וועט מען זיך קענען טרעפן אין א גוטער ווינקל אונטערוועגנס און דורכמאכן די וועג.

דער יונגערמאן האט נישט געהאט קיין חשק אבער ענדע

נאכן אויסוועלן א שפראך קענט איר הערן די מעשיות

ווילט איר ווערן אינטערוויוט איבער א געשיכטע וואס איר האט מיטגעלעבט?

האט ער צוגעשטימט, און דער יונגערמאן האט געטוישט זיין אריגינעלער וועג פון שאסיי 1 צום שאסיי 443.
נאר ווען ער איז אנגעקומען אין שטוב איז ער געווויר געווארן די געוואלדיגע השגחה פרטית וואס ער האט געהאט אז ער האט געטוישט די וועג. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אויף שאסיי 1 האט פאסירט א שרעקליכע עקסידענט, און ווער עס איז געפארן דורך איר איז געבליבן שטעקן אונטערוועגנס עטליכע שעה אנקומענדיג אין שטוב ממש פאר שבת, און ער האט אלעס פארשפארט א דאנק די טובה וואס ער האט געטון פאר די מיידל.

## די לעצטע שאנס

מיין נאמען איז לוי הירשלער, איך וואוין אין די שטאט בית שמש, און כ'וועל ענק מיטטיילן מיט א מורא'דיגע מעשה וואס האט מיט מיר פאסירט ממש לעצטנס.
אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט צוויי יאר אין צוריק, אין חודש אלול תשע"ט. דעמאלטס איז מיר אויסגעקומען צו באגעגענען א איד - וועמען איך קען אפילו נישט און אומוועלנדיג האב איך אים פארשעמט.
איך האב זיך געשפירט זייער שלעכט. איך האב געוואלט איבערבעטן דעם איד, אבער גיי זוך א איד וועמען דו קענסט נישט? דו ווייסט נישט וואו ער וואוינט און וואו מען קען אים טרעפן? אבער איך האב באשלאסן אז די ערשטע זאך וואס כ'גיי טון איז אז כ'גיי עס פארצייכענען אין מיינע נאטיץ ביכל אז דעם איד מוז איך אויפזוכן און איבערבעטן.
די צייט איז געלאפן. איך האב דעם איד נישט געטראפן. אזוי האט זיך די געשיכטע געצויגן א יאר מיט א פערטל ביז צו דעם יעצטיגן שבת חנוכה.
דעם שבת חנוכה בין איך געגאנגענען צו א קידוש אין א צווייטער שול. איך שטיי אזוי ווארטן אויף דער קידוש און אט זעה איך פאר מיר נישט קיין צווייטער ווי דער איד.
"אפשר קענט איר מיר ווייזן ווי אזוי מען קומט אן צו יענעם שול"? קומט דער איד צו מיר און געט מיר א פרעג.
"זיכער". האב איך אים געענטפערט און באגלייט ווען כ'פרעג אים צי ער געדענקט מיר.
"ניין", זאגט ער מיט א פשטות, און דאן איך האב אים דערציילט די גאנצע מעשה. דער איד האט נישט געהאט קיין עקסטערע פאדרוס. ער האט מיר גלייך מוחל געווען אויף אלעס און מיר האבן זיך געשיידט.
אין דעם קומענדיגן זונטאג האב איך זיך געגרייט אויסצושניידן דער נאטיץ אז כ'דארף איבערבעטן דעם איד. איך האב נאך געהאלטן אזוי אינמיטן אויסשניידן, ווען מיין נאנטער וועלכער האט מיטגעהאלטן די געשעעניש, קומט צו מיר מיט איין אטעם און דערציילט מיר מיט וואונדער.
"האסט געהערט"? פרעגט ער מיר.
"וואס געהערט"?
"דער איד וועמען דו האסט שבת איבערגעבטן איז היינט צופרי נפטר געווארן אויף א פלוצלונדיגער וועג".
"מיינסט עס אמת'דיג"? איך האב נישט געקענט גלייבן וואס איך הער.
איך האב זיך אויסגעלערנט דערפון ווי אזוי פון הימל העלפט מען א איד ער זאל קענען איבערבעטן וועמען ער וויל, און אויך אז מען האט איינעם וועמען מען דארף איבערבעטן - בעט אים איבער גלייך - ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס דער מארגן וועט דיר ברענגען.

קינדער זענען געבליבן אין אויסלאנד און נאך עטליכע יאר איז זי נפטר געווארן פון די וועלט.
זייענדיג ווייט אוועק פון אירע קינדער, האט זיך קיינמאל נישט אויסגעשטעלט אז איינער פון אירע קינדער אדער אייניקלעך זאלן אמאל פוקד זיין איר ציון און מיט די יארן איז אויך פארגעסן געווארן איר יארצייט טאג.
לעצטנס האט איינע פון די אייניקלעך גענומען אויף זיך אפירצוטרעפן איר קבר. מען האט אריינגעמישט די חברה קדישא און זיי האבן געהאלפן מיט אנווייזונגען, אבער עס איז נישט געלונגען צו טרעפן איר קבר.
זעענדיג אז עס גייט נישט איינמאל, האט זיך די אייניקל צוריקגעקערט א טאג דערויף. צו איר וואונדער האט זי דאסמאל גלייך געטראפן די קבר. זי געט א קוק אויפ'ן קבר און זי גלייבט נישט וואס אירע אויגן זעען. אויפ'ן מצבה שטייט אז זי איז אוועק ו' טבת תש"א און היינט איז אויך ו' טבת תשפ"א, גענוי אכציג יאר שפעטער.
די איבערראשונג איז געווען גרויס אז מען האט געטראפן איר קבר אין דער יארצייט טאג. מען האט גלייך ארגאנדזשירט א מנין, און אזוי ארום האט מען 80 יאר נאך איר פטירה געקענט פראווענען איר יארצייט אויף איר קבורה.
זאל זי זיין א מליצה ישרה פאר גאנץ כלל ישראל.

## נישט נאר א שידוך

דערציילט א איד וואס וואוינט אין ירושלים עיה"ק:
איך בין אן איינגעשטעלטער אין א געוויסער ארט און ברוך השם איך פארדין דארט א שיינער געהאלט, אבער די געהאלט איז שיין און אויך די הוצאות זענען שיין - איך האב ב"ה א שיינער שטוב מיט קינדער און די הוצאות דעקן זיך נישט אייביג.
בלייבנדיג מיט לעכער דא און דארט זוך איך זיך אויס זייטיגע הכנסות און איינס פון די זאכן וואס איך טוה איז שידוכים - איך בין א שדכן.
עס איז געווען בעפאר די הייליגע טעג און איך האב זיך גענויטיגט אין א גרויסער סומע געלט צו דעקן די יום טוב קאסטן, און זעענדיג אז מיין טאש איז ליידיג בין איך געפארן מתפלל צו זיין ביים ציון פון הרה"ק מבעלזא אין די הר המנוחות בית החיים.
שטיי איך אזוי און כ'בעט פאר מיר און איך טראכט פון די געלט, און עס לויפט מיר דורך א מחשבה'לע אז א שידוך וואלט יעצט געווען א געראטענער זאך, עס וואלט מיר אריינגעברענגט די סומע פון $2000 פונקט וויפיל עס פעלט אויס פאר די יום טוב הוצאות.
אזוי טראכטנדיג, כאפ איך זיך אויף - פארוואס דארף איך געבן עצות פאר השי"ת? ער האט זיך שוין זיינע וועגן. גלייך האב איך אנגעהויבן מתפלל זיין אז השי"ת זאל ממלא זיין מיין חסרון דורך זיינע וועגן.
צומארגנס באקום איך א טעלעפאן קאלל פון אמעריקע. אויפ'ן ליניע רעדט א איד, א באקאנטער. ער זאגט מיר אז ער וויל מיר פארשלאגן א הצעה. ער ווייסט אז איך גיי אסאך מתפלל זיין אויפ'ן ציון פון הרה"ק מבעלזא, און אזוי ווי זיינער א באקאנטער נויטיגט זיך אין א ישועה וויל ער פארשלאגן אז איך זאל גיין פאר זיינעטוועגן מתפלל זיין ביים ציון גאנצע פערציג טעג.
"פערציג טעג"? האב איך נישט געהאט קיין חשק.
"זארג נישט, ער וועט דיר שיין באלוינען".
אויפ'ן ארט זאגט דער איד אז ער וועט מיר געבן א סך הכל פון $50 פאר יעדע מאל וואס כ'גיי צום ציון.
איך האב אנגענומען די פארשלאג און זיך געמאכט א חשבון אז פערציג מאל פופציג דאלער איז $2000 גענוי די סומע וויפיל איך האב געטראכט אז כ'דארף, און יא, השי"ת האט מיר געוויזן אז ער האט זיך זיינע וועגן - עס מוז נישט זיין אין דער וועג ווי אזוי איך האב געטראכט.

## אין די לעצטע מינוט

דערציילט א יונגערמאן פון מודיעין עילית:
מיר זענען געווען אין שפיטאל מיט מיין זיידע וועלכער האט זיך געפינען אין זייער א שווערן צושטאנד. זיצנדיג אזוי ארום זיין בעט האבן מיר געזינגען ווארעמע און הארציגע לידער, ניגונים פון געגועים צו השי"ת.
מיין זיידע איז געווארן אויסער זיך פון התרגשות.
מיר זיצן נאך אזוי ווען עס קומט אריין אין צימער א פרייער איד, און דערציילט אונז אז זיין מאמע ליגט דא נעבן אונז אין א דערנעבנדיגער צימער און הערנדיג ווי מיר זינגען מיט אזא ברען האט זיך אין איר ערוועקט א געוואלדיגער הרהור תשובה.
"זי האט מיר געזאגט אז זי קומט פון א פרומער שטוב, און זי וויל תשובה טון א דאנק די ניגונים".
א שעה שפעטער האט זיך דער איד צוריקגעקערט. דאסמאל האט ער דערציילט אז זי איז נפטר געווארן אבער א דאנק די ניגונים האט זי זוכה געווען צו שטארבן מתוך תשובה.
זי האט קונה געווען עולמה אין איין שעה!

ביים קוועשטשן 1 פאר אינטערוויוס דרוקט קנעפל 6 > 5
לאזט איבער א קלארע מעסעדזש אויף קנעפל 3 > 4 נאכן אויסוועלן א שפראך

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איך וויל פארלייגן א יסודות'דיגע שאלה אין בטחון. ווען א מענטש האט א צורך, ווי למשל ער האט נישט קיין דירה, צי דארף ער גלייבן אז השי"ת 'וועט' ממלא זיין די צורך וואס ער האט, אדער דארף ער גלייבן אז השי"ת 'קען' אים ממלא זיין די צורך וואס ער האט?

י.י.ז. פון בני ברק

שאלה נומער 13 - די תשובות אין גליון 59


**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג ווארא. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**


# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

**די טויזנטער צוהערער פון די 'השגחה פרטית' האטליין האבן די זכיה צו הערן די געשמאקע און רייכע שיעורים וואס ווערט איבערגעגעבן דורך הרה"צ ר' בעריש שנעבאלג שליט"א אויפ'ן השגחה פרטית האטליין.**

**אין די לעצטערע צייט האט הרה"צ ר' בעריש אנגעהויבן איבערגעבן א סעריע פון שיעורים איבער די נושא ווי אזוי מען קען לעבן אן בארגן געלט פון אנדערע, און 'דרייען' געלט פון גמ"ח צו א גמ"ח און פון א שכן צום חבר.**

**אין די פריערדיגע גליון האבן מיר אויך אראפגעברענגט א מאמר פון הרה"צ ר' בעריש איבער די נושא, אין דעם מאמר רעדט ער גאר שארף איבער דער געדאנק פון בארגן געלט פון אנדערע.**

**די ווערטער האט געברענגט א גרויסע נאכפראגע ביי די צוהערער און לייענער. מען האט געוואלט וויסן מער איבער זיין שיטה און זיין עקספיריענס אין די נושא, און לתועלת הציבור ברענגען מיר דא אראפ א שטיקל שמועס מיט אים איבער די נושא.**

## טיילט אונז מיט ערשט ווי אזוי האט זיך די זאך אנגעהויבן ביי אייך?

מיט עטליכע יאר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו באגלייטן א משפחה וואס איז אנגעקומען צו די נידריגסטע ארט וואס א משפחה קען אנקומען. מ'קען זאגן אז אין די משפחה האט מען ממש געהונגערט, פשוטו כמשמעו.

ווען איך האב געפרעגט אין שטוב וואס דער טאטע טוט? האט מען מיר געענטפערט אז דער טאטע דרייט חובות.

זעענדיג ווי ביטער דער מצב איז, האב איך באשלאסן אז איך גיי זיך ארייינלייגן אין די זאך, די ערשטע זאך וואס איך האב געטון איז געווען אפצושטעלן דער טאטע פון דרייען חובות.

איי וועט איר פרעגן, אז מען דרייט נישט פון וואו קען מען זיך שפייזן? דער ענטפער דערצו איז אז איינמאל מען הערט אויף צו 'גלייבן' אז דרייען חובות איז א גזירת הכתוב, ווערט מען פלוצלונג געוואויר אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט און מען קען זיך ווענדן צום זן ומפרנס ער זאל שפייזן אויף בעסערע און גרינגערע וועגן, און וואונדער! דער איד לעבט ווייטער אבער אן דרייען חובות.

דער יעניגער פאל איז געווען די התחלה און ווי חז"ל זאגן שוין מצוה גוררת מצוה, און פון דארט און ווייטער האבן מיר שוין געהאט די זכיה צוהעלפן אסאך משפחות זיך צו שטעלן אויף די פיס.

## נו וואס איז דער וועג? מיין קינד'ס שיך איז צוריסן, וואס זאג איך אים?

די שאלה וואס דו פרעגסט הער איך כסדר. איינער נוצט די שיך אלץ א משל, א צווייטער ביים קויפן אן עוף לכבוד שבת, אבער דער ענטפער איז פאר יעדן אייניג.

אז א איד לעבט אויף די וועלט מיט די ריכטיגע אמונה אז אלעס פירט זיך פון אויבן, אז השי"ת געט אים אלעס און 'אלעס' מיינט נישט בלויז עסנווארג, נאר אויך קליידער, שיך, לעקטער, גאז, הייצונג, לעבט ער רואיג און ער איז מצליח אריבערצופירן די רואיגקייט אויך ביי אים אין שטוב.

מיר זענען בעצם עשירים. דער טאטע אין הימל פארזארגט אונז מיט אלעס. צי געשעט נישט אמאל אז אן עושר האט פונקט נישט קיין געלט ביי זיך? און ווען עס געשעט, צי פאלט איינעם איין אז די קינדער פון דער עושר וואס האט נישט כרגע, שפירן זיך ארעם? זיי ווייסן אז דער טאטע איז רייך אבער, טעכניש, יעצט האט ער נישט.

דער זעלבער געפיל דארף זיין ביי אונז אין שטוב.

## אסאך טענה'ן אז בארגעריי איז שוין א מנהג העולם?

א גוטער מנהג? אדער א שלעכטער מנהג? אז יעדער איז ארעם ווערט עס א מנהג?

בארגעריי איז נישט עפעס וואס 'מוז' זיין און אויב עס איז יא דא, זאל מען עס נוצן נאר ווען מען קויפט א דירה, אין אזא פאל איז עס א מסודר'דיגע זאך, אבער אויף די טאג טעגליכע לעבן, קען מען זיך אויסקומען אן דעם.

מיט בטחון וועלן מיר פטור ווערן פון בארגן, מען דארף לעבן אויסגערעכנט און מיט א חשבון.

## איך בין געוואוינט צו נעמען הלוואות - וואס טוה איך? ווי אזוי הער איך אויף צו בארגן?

אז דער מענטש ווייסט אז 'בארגן' איז נישט קיין אויסוואל - וועט ער שוין טרעפן אנדערע וועגן פון וואו צו נעמען געלט.

גלייבט מיר עס איז דא אזויפיל אנדערע וועגן ווי אזוי מען קען זיך שאפן געלט - מען דארף נאר זיין שטארק ביי זיך אז בארגן איז נישט דער וועג ארויס [אדרבה איר זענט איינגעלאדנט אויסצוהערן די שיעורים וואו מען קען הערן ווי אזוי מען קען זיך אן עצה געבן אן בארגן] און יא, עס איז בעסער צו נעמען פון אנדערע נדבות ווי הלוואות.

חז"ל זאגן שוין [ירושלמי פיאה] מערערע ערטער אז ווער עס דארף אנקומען צו אנדערע און ער נעמט נישט איז א שופך דמים ואסור לרחם עליו.

בעסער שטרעק אויס דיין האנט פאר א נדבה, ווי פאר א הלוואה!

## געט אונז א קליינער טיפ לתחילת הדרך

חז"ל דערציילן אונז [יומא דף עו עמוד א] אז די תלמידים פון רשב"י האבן געפרעגט פאר ר' שמעון פארוואס האט השי"ת נישט געגעבן די מן איינמאל א יאר, נאר עס געגעבן יעדן טאג פון פריש?

רבי שמעון האט זיי געענטפערט אז השי"ת האט ליב אידישע תפילות, אז די אידן וועלן באקומען זייערע געברויכן איינמאל א יאר, וועלן זיי פארגעסן מתפלל צו זיין פאר השי"ת און דער באשעפער וויל מען זאל דאווענען פאר אים.

איך האב שוין מיטגעהאלטן הונדערטע מעשיות פון אידן וואס לעבן נאר מיט וואס זיי האבן. די אידן - אויסער וואס זיי האבן געשניטן פופציג פראצענט פון זייערע הוצאות - האבן זיי אנטדעקט א נייער לעבן און געטראפן אז מען קען בעטן פון השי"ת, אז איינער הערט אויס וואס זיי בעטן און דער גוטער טאטע פארזארגט זיי מיט אלעס וואס זיי דארפן צו האבן.

זיי האבן פארדינט צו שפירן די זיסקייט פון השי"ת אויף טריט און שריט.

זיכער איז דער אנהייב שווער, אבער איינמאל מען דערגרייכט די דרגה עפענט זיך א גרויסער אור, א נעימות פון א נאנטקייט צו השי"ת וואס האט נישט זיינס גלייכן.


די שיעורים פון הרב שנעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]


# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

איך האב חברים וואס זענען א גאנצן טאג צוגעשמידט צו האטליינס פון נייעס. זיי ווארטן צו הערן נייעס, צי עס גייט זיין א לאקדאון צי נישט. איך בין אויך צוגעבינדן צו נייעס אבער מיין 'נייעס' איז אין די השגחה פרטית האטליין. יעדע פאר שעה קלינג איך אריין צו הערן אויב מען קען שוין הערן א פרישער שיעור פון ר' דוד קלעצקין, א געדאנק פון ר' בערל שנעבאלג, די חיזוק וואס גייט ארויף אויפ'ן קו איז מיין נייעס.

ד.ו. בני ברק

### מצד די געבער

מיין ברודער איז אן עלטערער בחור, און נישט טרעפנדיג א שידוך אין די ערליכע קרייזן האט ער אנגעהויבן זוכן אין די נישט ערליכע. איך בין געווארן זייער באזארגט פון דעם און באשלאסן אז איך גיי צוזאגן 1000 שקל פאר די 'השגחה פרטית' האטליין ער זאל טרעפן א גוטער און ערליכער שידוך. א שטיק צייט איז פאריבער פון ווען איך האב צוגעזאגט אז איך גיי געבן דאס געלט, און ער האט חתונה געהאט מיט אן ערליכע בת ישראל. זעענדיג אז די סגולה ארבעט, האב איך זיך געמאכט א חשבון אז דאס קען זיכער העלפן פאר מיר אויך, אז איך זאל אויך טרעפן א שידוך. איך האב צוגעזאגט אז אויב ווער איך א חתן ביז חנוכה וועל איך געבן א סכום געלט פאר די 'השגחה פרטית' האטליין, און ב"ה איך בין שוין א חתן און יעצט בין איך מקיים מיין הבטחה.

ח.ו. אשדוד


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| | | |
|---|---|---|
| העברה לבנק לאומי סניף 902 חשבון 57390056 | משלוח בדואר לת.ד. 5475 ירושלים | בעמדות נדרים פלוס על שם 'שער הבטחון' |


# אן אייביגע הנצחה

**נתנדב גיווארן**

לעילוי נשמת

מורינו מוה"ר **אלכסנדר זושא**

ב"ר **מרדכי מנחם** ז"ל

עלה למרום ב' אדר א' תש"ס

מרת **מלכה** ע"ה בת ר' **משה**

עלתה למרום כ"ט שבט תנש"א


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה